גוט שבת אלע אידן. אזוי ווי עס איז באוואוסט, רוב פון די גליקליכע אידן וואס האבן דורכגעלעבט די שרעקליכע מלחמה יארן זענען געשיקט געווארן צו "די.פּי." לאגערן. אין די "די.פּי." לאגערן האבן די אידן געקענט אביסל "געקומען צו זיך" און אפרוהן נאך אזוי פיל יארן פון ליידן, ל"ע. נאך א יאר צוויי אין די "די.פּי." לאגערן, זענען רוב אידן ב"ה געגאנגען וואוינען אין ארץ ישראל אדער אמעריקע.

עס איז געווען איין "די.פּי." לאגער אין איטאליע וואס האט ליידער נישט צוגעשטעלט קיין כשר'ע עסן. אפילו אז די פליטים זענען געווען אזוי שוואך, האבן זיי געמאכט דארט אין לאגער איבערקערניש וועגן כשר'ע עסן. דער איד וואס האט געפירט דעם פראטעסט האט געהייסן יצחק זיגער, פון אונגארן. דורך ר' יצחק'ס שטארקע שתדלנות, האבן די פירערס פון יענע לאגער מסכים געווען צו צושטעלן כשר'ע עסן פארן אידישע ציבור אין לאגער.

איין טאג איז געקומען צום "די.פּי." לאגער א טשעפלאן (א רב אין דעם מיליטער) פון דעם אמעריקאנער ארמיי. דער רב האט געהייסן רב אהרן פאפערמאן (זיין עכטע נאמען). רב פאפערמאן איז געווען א תלמיד פון דער טעלז ישיבה אין אמעריקא. פאר די מלחמה איז ער געווען דער רב פון א קהילה אין פלעינפיעלד, ניו דזשערסי. ווען רב פאפערמאן האט געהערט וועגן דעם געלעגנהייט צו ווערן א טשעפלאן אין דעם מיליטער, האט ער געפרעגט זיין ראש ישיבה רב אליה מאיר בלאך ז"ל אין קליוולאנד צי ער זאל עס טון. רב אליה מאיר האט געשטופט רב פאפערמאן ער זאל ווערן א טשעפלאן, און ער האט געזאגט אפילו אז טאמער ער אליינס וואלט געהאט די כח, וואלט ער אליינס אריינגעגאנגען אין ארמיי אלס טשעפלאן צו העלפן די אידישע פליטים אין יוראפּ.

בקיצור, ווען רב פאפערמאן איז אנגעקומען צום "די.פּי." לאגער, האט ער געעפענט אן אפיס דארט. גלייך דערנאך, ווען דער עולם האט געהערט דערפון, זענען אנגעקומען הונדערטע אידן מיט אלע מיני בקשות. עס זענען דא געווען אידן וואס האבן געבעטן פאר נייע קליידער, אנדערע האבן געוואלט געלט, און נאך מער צובראכענע אידן זענען געקומען צו פרעגן רב פאפערמאן צי ער האט אינפארמאציע אויף זייערע פארלוירענע קרובים, הי"ד. דער טשעפלאן האט פרובירט צו העלפן מיט יעדען איינעמ'ס באדארפענישן און ער האט געגעבן חיזוק צו אלעמאן.

איין טאג דערנאך איז געקומען און געשטאנען אין די שורה דעם גיבור ר' יצחק וואס האט געקעמפט פאר כשר'ע עסן אין לאגער. ווען ר' יצחק איז אנגעקומען צום טיש וואו רב פאפערמאן איז געזיצען, האט ר' יצחק אנגעפאנגען צו רעדן מיט רב פאפערמאן.

"טייערע טשעפלאן, הרב פאפערמאן," האט ר' יצחק געזאגט צו אים. "קענט איר מיר אפשר געבן א 'בבא קמא?'" רב פאפערמאן איז נישט זיכער געווען אז ער האט גוט געהערט. "א וואס?..." האט רב פאפערמאן געפרעגט.

קוקענדיג אויפן טשעפלאן וואס האט געטראגן א שיינע סאלדאט'ס מונדיר (יוניפארם) האט ר' יצחק נישט געוואוסט אז רב פאפערמאן איז אליינס געווען א תלמיד חכם וואס האט געלערנט עטליכע יארן אין א בית מדרש. "טשעפלאן..." האט ר' יצחק געזאגט "האסטו קיינמאל נישט געהערט פון א 'בבא קמא'?"

רב פאפערמאן איז נישט געווארן באליידיגט. ער האט געענטפערט ר' יצחק: "אוודאי ווייס איך וואס א מסכת בבא קמא איז. איך בין פשוט צוגעוואוינט אז מען בעט פון מיר דא פרישע קליידער, רפואות, געלט, און צו טרעפן קרובים וכו'. אבער... איך האב קיינמאל נישט געהערט אזא בקשה!..."

"קוק אן..." האט ר' יצחק אנגעפאנגען צו זאגן, "פיר יאר צוריק ווען די דייטשען ימ"ש זענען געקומען מיך אוועקצונעמען, בין איך געזיצען אין מיין קאך אינדערהיים אין אונגארן, און האב איך געלערנט פון א 'בבא קמא' גמרא. זייט דעמאלט פיר יאר צוריק, האב איך נישט געזען קיין גמרא. אויב איר קענט מיר פארשאפן א בבא קמא, דאס איז אלעס וואס איך דארף כדי צו קענען "קומען צו זיך." מיט א גמרא גיי איך קענען ווערן געזונט און שטארק!"

רב פאפערמאן איז נתרגש געווארן זענדיק דעם ערנסטקייט פונעם איד. רב פאפערמאן האט געוואוסט וועגן א בית מדרש אין דעם געגענט וואס איז חרוב געווארן אבער ב"ה נישט פארברענט געווארן, אפשר וועט זיין דארט א בבא קמא? ביז אפאר טעג נאכדעם, איז רב פאפערמאן אנגעקומען צו דעם לאגער מיט א בבא קמא! רב פאפערמאן האט געפרייט צו זען דער שמחה אויף ר' יצחק'ס פנים.

ב"ה אז ר' יצחק איז טאקע אויפגעלעבט געווארן. דערנאך האט ער פארלאזט דעם "די.פּי." לאגער און ער איז געפארן קיין אמעריקא. ער האט ב"ה חתונה געהאט, און ער האט אויפגעשטעלט א אידישע שטוב אין דעם פלעטבוש געגענט פון ברוקלין. דוד המלך ע"ה האט געזאגט וועגן דעם: "תורת ה' תמימה משיבת נפש." (תהלים יט,ח).

יעצט אז מיר האלטן פאר דעם גרויסן דינער, לאמיר אביסל רעדן פון דעם ענין פון שטיצן אונזערע הייליגע מוסדות התורה בפרט דעם גאר חשובן מוסד דעם מרכז הכוללים, בנשיאות של כ"ק מרן אדמו"ר עט"ר שליט"א. עס איז זעלבספארשטענדליך, אבער עס קען נישט שאטן צו דערמאנען נאכאמאל: די כוללים זענען די ריקן ביין פון אונזערע קהילה. ווייל כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה האט געגרינדעט דעם שטעטל מיט דער כוונה צו מאכן א פלאץ פון קדושה און טהרה. און ווי אזוי קענען מיר זיך פירן ווי עס דארף צו זיין? נאר ווען אונזערע יונגעלייט, די טאטעס פון אונזערע משפחות זענען זיך מקדש מיט לימוד התורה. וועגן דעם איז יעדער איינער מחויב צו שטיצן דעם כולל וויפיל מען קען! איז לאמיר אויסליידיגן די קעשענעס פארן כולל.

די תורה באפעלט אונז די וואך "עזב תעזב עמו" אז מען דארף אפילו העלפן א מענטש וואס מען האט נישט ליב. כל שכן כל שכן מוז מען דעמאלט שטיצן דעם כולל ווייל לומדי תורה זענען דאך די חשובסטע זאך אין דעם אייבערשטענ'ס אויגן. דורך שטיצן דעם כולל זענען מיר מקיים דעם רצון פון כ"ק מרן אדמו"ר הקוה"ט זצוקללה"ה. דורך שטיצן דעם כולל גיין מיר אי"ה אלע זוכה זיין צו אלע השפעות טובות סיי אין די וועלט און סיי אין עולם הבא. **גוט שבת אלע אידן.**

**מזל טוב לכ"ק מרן אדמו"ר שליט"א לרגל שמחת אירוסי נכדו מרדכי פינחס ני"ו בן בנו הרה"צ רבי יצחק שליט"א**

**מזל טוב למוה"ר יעקב שפירא הי"ו לרגל שמחת אירוסי בנו ברוך משולם זושא הי"ו**

**מזל טוב למוה"ר יצחק יחיאל מיכל ביסטאן הי"ו לרגל שמחת נשואי בנו שלום אלי' הי"ו**

**לע"נ ר' ניסן בן ר' משה ע"ה**

**נא לעיין בדף זה לאחר התפילה. לנדב גליון זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג 3234–362 (845)**

**נאכדעם וואס מען ענדיגט לערנען אין בית מדרש :לייג צוריק די ספרים! תעשה את המצוה בשלמות!**